


# פעיר פלעי אקט

## ניו יארק סטעיט קאנסטראקשאן אינדוסטריע

די ניו יארק סטעיט קאנסטראקשאן אינדוסטריע פעיר פלעי אקט איז אריין אין קראפט אום אקטאבער 26, 2010. דער געזעץ שאפט א נייער סטאנדארט פארן באשטימען אויב אן ארבעטער איז אן עמפלויאי אדער זעלבסט-שטענדיגער קאנטראקטער אין די קאסטראקשאן אינדוסטריע. עס שטעלט צו נייע געלט-שטראף פאר ארבעטסגעבער וואס פארפעלן צו קלאסיפיצירן זייער ארבעטער ווי געהעריג.

שטודיעס שאצן אז סיי וואו צווישן 15 און 25 פראצענט פון קאנסטראקשאן ארבעטער קענען זיין אומריכטיג קלאסיפיצירט אין ניו יארק סטעיט. ארבעטער מיס-קלאסיפיקאציע פאסירט ווען ארבעטסגעבער באהאנדלען ארבעטער וואס דארפן באטראכט ווערן אלס עמפלויאיס אלס זעלבסט-שטענדיגע קאנטראקטערס אדער באריכטן זיי פשוט נישט (באצאלן זיי "אראפ פון די ביכער").

## נייער סטאנדארט

דער געזעץ נעמט אן אז מענטשן וואס ארבעטן פאר אן ארבעטסגעבער זענען עמפלויאיס אויסער אויב זיי קומען נאך אלע דריי פאלגנדע באדינגונגען. דער מענטש דארף זיין:

1. פריי פון קאנטראל און אנווייזונג ביים דורכפירן די ארבעט, סיי אונטערן קאנטראקט און סיי פאקטיש.
2. פירט דורך סערוויסעס אויסער דעם געווענליכן ביזנעס שטייגער פאר די פירמע.
3. פארמישט אין א זעלבסט-שטענדיג אוועקגעשטעלטע פאך, באשעפטיגונג אדער ביזנעס וואס איז ענליך צו די סערוויס וואס זיי פירן דורך.

## באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט

דער געזעץ אנטהאלט אויך א טעסט מיט 12 טיילן צו באשטימען ווען א סאול פראפרייעטאר (איינציגסטע אייגנטומער), פארטנערשיפ (שותפות), קארפאראציע אדער אנדערע קערפערשאפט וועט ווערן באטראכט אלס א "באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט" פונעם קאנטראקטער פאר וועמען עס שטעלט צו א סערוויס. אויב א קערפערשאפט קומט נאך אלע פון די 12 באדינגונגען, וועט עס נישט באטראכט ווערן אלס אן עמפלויאי פונעם קאנטראקטער. אנשטאט דעם וועט עס זיין א באזונדערע ביזנעס וואס איז אליין אויסגעשטעלט צום נייעם געזעץ לגבי אירע אייגענע ארבעטער. די 12 באדינגונגען פאר א באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט ערשיינען אויפן הונטערשטן בלאט פון דעם פאקט בלאט.

## דעקונג

דער געזעץ גילט אויף אלע קאנטראקטערס אינעם קאנסטראקשאן אינדוסטריע. קאנסטראקשאן ווערט אפגעטייטשט אלס אריינגעמענדיג בויען, איבערבויען, ענדערן, אויפהאלטן, רוקן, פארבעסערן, פאררריכטן, איבערמאכן אדער פארניכטן סיי וועלכע געביידע, סטרוקטור אדער פארבעסערונג אדער פארבינדן מיטן אויסגראבן אדער אנדערע אנטוויקלונג אדער פארבעסערונג וואס מען מאכט אויף ערד.

## אגענטורן וואס ווערן געדעקט

דער נייער סטאנדארט פארן באשטימען עמפלוימענט גילט אויף באשטימונגען אונטער די לעיבאר געזעץ (אריינגערעכנט לעיבאר סטאנדארטן, אנגייענדע ווידזש געזעץ און ארבעטלאזיקייט אינשורענס) און די ארבעטערס קאמפענסעישאן געזעץ. עס גילט נישט אויף באשטימונגען אונטער די ניו יארק סטעיט שטייער געזעץ. די ניו יאָרק סטעיט אפטיילונג פון שטייער און פינאנץ (New York State Department of Taxation and Finance) וועט ווייטער נוצן אירע עקזיסטירנדע סטאנדארטן פארן באשטימען עמפלוימענט סטאטוס. די געלט-שטראפן וואס ווערן צוגעשטעלט דורך דעם נייעם געזעץ צו באשטימונגען פון מיסקלאסיפיקאציע אונטער די לעיבאר געזעץ, ווארקערס קאמפענסעישאן געזעץ און די ניו יארק סטעיט שטייער געזעץ.

## געלט-שטראפן

אן ארבעטסגעבער וואס טוט בכוונה פארלעצן די פעיר פלעי אקט דורך פארפעלן צו קלאסיפיצירן געהעריג אירע ארבעטער וועט זיין אויסגעשטעלט צו ציווילע געלט-שטראפן פון א קנס ביז $2,500 פער מיסקלאסיפיצירטע ארבעטער פאר אן ערשטע פארלעצונג און ביז $5,000 קנס פער מיסקלאסיפיצירטע ארבעטער פאר א צווייטע פארלעצונג אינערהאלב א פינף-יאר צייט אפשניט.

ארבעטסגעבער קענען אויך זיין אויסגעשטעלט צו א קרימינאלע פראסעקיושאן (א מיסדימינער) פאר פארלעצונגען פונעם אקט מיט א שטראף פון ביז 30 טעג אין טורמע, ביז א $25,000 געלט-שטראף און א דיבארמענט פון פובליק ארבעט פאר אמווייניגסטנס איין יאר פאר אן ערשטע פארלעצונג. נאכפאלגנדע מיסדימינער פארברעכנס וועט מען קענען באשטראפן מיט ביז 60 טעג אין טורמע, ביז א $50,000 געלט-שטראף און א דיבארמענט פון פובליק ארבעט פאר ביז צו פינף יאר.

ארבעטסגעבער פארבלייבן אויך אויסגעשטעלט צו אלע עקזיסטירנדע געלט-שטראפן, שטייערן און צוריקבאצאלונג פאר לעיבאר געזעץ, ווארקערס קאמפענסעישאן געזעץ און שטייער געזעץ פארלעצונגען וואס קומען אלס רעזולטאט פונעם ארבעטער מיסקלאסיפיקאציע. קארפארעיט אפיסעס און געוויסע שעירהאלדערס קענען זיין פערזענליך פאראנטווארטליך פאר די געלט-שטראפן און קנסים אונטער דעם אקט, ווען זיי ערלויבן ווייסנדיגערהייט די פארלעצונגען צו פאסירן.

## אויפהענגען

קאנסטראקשאן אינדוסטריע ארבעטסגעבער מוזן אויפהענגען א מעלדונג לגבי די פעיר פלעי אקט אויף א קענטיגע און צוגענגליכע פלאץ אויפן ארבעטספלאץ. דער פארלאנגטער מעלדונג קען מען באקומען אויף די דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס וועב זייטל. פארפעלן אויפצוהענגען דעם מעלדונג קען רעזולטירן אין געלט-שטראפן פון ביז $1,500 פאר אן ערשטע פארברעכן און ביז $5,000 פאר א צווייטע פארברעכן.

## פארבינדט זיך מיט אונז

אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס לגבי די פעיר פלעי אקט אדער אויב איר ווילט באריכטן פארדעכטיגטע ארבעטער מיסקלאסיפיקאציע, ביטע רופט די דעפארטמענט אוו לעיבאר טאל-פריי אויף **866-435-1499** אדער אימעיל'ט אונז אויף **dol.misclassified@labor.ny.gov**.

דער גאנצער נוסח פון די פעיר פלעי אקט ערשיינט אויפן דעפארטמענט'ס וועב זייטל אויף **www.labor.ny.gov**.

אויסצוגעפינען מער וועגן די די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר גייט צו: **www.labor.ny.gov**.

## באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט טעסט

כדי צו ווערן באטראכט אלס א באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט פון די ביזנעס פאר וועלכן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט, מוז אן איינציגסטע אייגנטומער, שותפות, קארפאראציע אדער אנדערע קערפערשאפט:

1. דורכפירן די סערוויס פריי פון די אנווייזונגען אדער קאנטראל איבער די מיטלען און אופן פון צושטעלן דעם סערוויס אויסגעשטעלט נאר צום רעכט פונעם קאנטראקטער צו דערקלערן דעם געוואונטשענעם רעזולטאט.
2. נישט זיין אויסגעשטעלט צו אנולירונג ווען איר אַרבעט מיטן קאנטראקטער ענדיגט זיך.
3. האבן א באדייטנדע אינוועסטירונג פון קאפיטאל אינעם קערפערשאפט אויסער געווענליכע געצייג און עקוויפמענט און א פערזענליכע אויטא.
4. האבן די קאפיטאל פארמעגנס און פארדינען די רווחים און ליידן די פארלוסטן פונעם קערפערשאפט.
5. מאכן אירע סערוויסעס אוועילעבל פארן אלגעמיינעם פובליק אדער ביזנעס קאמיוניטי אויף א רעגלמעסיגן אופן.
6. אריינגעמען די סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אויף א פעדעראלע אינקאם טעקס סקעדזשול אלס א זעלבסט-שטענדיגע ביזנעס.
7. דורכפירן די סערוויסעס אונטער דעם קערפערשאפט'ס נאמען.
8. באקומען און באצאלן פאר סיי וועלכע פארלאנגטע לייסענס אדער פערמיט אינעם קערפערשאפט'ס נאמען.
9. געבן די געצייג און עקוויפמענט וואס זענען נויטיג כדי צוצושטעלן דעם סערוויס.
10. אויפנעמען אירע אייגענע ארבעטער אן דעם קאנטראקטער'ס באשטעטיגונג, באצאלן די ארבעטער אן קיין צוריקבאַצאָלונג פונעם קאנטראקטער און באריכטן די ארבעטערס' אינקאם צום אינטערנעל רעוועניו סערוויס.
11. האבן דעם רעכט צו דורכפירן ענליכע סערוויסעס פאר אנדערע מענטשן אויף סיי וועלכן באזיס און סיי ווען עס באשליסט.
12. דער קאנטראקטער פארטרעט נישט די קערפערשאפט אדער די ארבעטער פונעם קערפערשאפט אלס אירע אייגענע ארבעטער פאר אירע קאסטומערס.

דער קערפערשאפט מוז נאכקומען אלע 12 באדינגונגען כדי צו ווערן באטראכט אלס א באזונדערע ביזנעס קערפערשאפט.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל אויפ'ן פארלאנג פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.